# The Shepherd of Israel

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

I AM THE GOOD SHEPHERD. John 10:11

. . AND I WILL SET UP ONE SHEPHERD OVER THEM. Ezek. 34:23

PUBLISHED TO BRING TO THE JEWISH PEOPLE KNOWLEDGE OF THEIR TRUE SHEPHERD AND MESSIAH — THE LORD JESUS CHRIST

Subscription Price
50c. a Year.

VOL. 45 - No. 2
OCTOBER, 1960


# "As One Gentleman to Another"

By OSCAR WAGO

I WAS BORN in Hungary, Europe, into a very Orthodox Jewish family. My father was a Rabbi and one of the great Talmudic teachers of his day.

My religious training began when I was three years old. At the age of seven I was brought before a congregation of Rabbis to prove to them that even at that early age I already knew all the precepts that govern the life of a Jew. It was not an easy task, because there are 613 precepts to memorize.

At the age of thirteen I appeared before the Synagogue, when I became "Bar-miz-wah," a Son of the Law. Our Jewish people believe that a child is not responsible for his sins up to the age of thirteen, and that at the age of thirteen he becomes a "Son of the Law" and stands on his own merits.

As was the custom in Europe, my father entered me in the nearest high school, or gymnasium. It was a Roman Catholic school and all the teachers and professors were Roman Catholic priests. After graduating at this high school, I attended, with the help of a scholarship, universities in Vienna, Berlin, Paris and Zurich, where I received my diploma as an automotive and aeroplane designing engineer. During these four years of college life I met thousands of Gentile Christians and made hundreds of friends among them, but no one ever spoke to me about becoming a Christian.

### KAISER WILHELM AND THE NAZIS

World War I broke out in 1914. I was an officer in the German Army and went out on the field of battle to fight. I was wounded twelve times and gassed twice. I received sixteen medals, one of which was placed on my breast by Kaiser Wilhelm himself. After the war ended and Naziism began its vicious work, I was told very politely but firmly to leave the country because I was a Jew.

It was a sad day for me to leave the country where I had lived much of my life, where I had labored and held a fine position. But today I am praising God because I know it was His purpose to bring me out of that country and into the United States of America.

One Friday night, during the "depression years," I was walking through the Hill District of Pittsburgh in the Jewish section. I heard singing and stopped for a moment to listen. It seemed a very strange thing to me that in a time of depression there could be singing in a neighborhood where people were probably going without food and clothing for themselves and their children. I turned in the direction from which the sound of singing came, and as I reached the place, the singing stopped. The building appeared to be a storeroom with a large window at the front in which were displayed Jewish and English literature and Bibles. I thought it was probably a small Jewish Synagogue. I didn't feel like going inside, and turned away, when the singing began again, and this time I distinctly heard the name of Jesus Christ. It was as though I had been struck by lightning. A Jewish Synagogue where people were singing of Jesus Christ! Impossible!

The singing went on and again I heard the name of Jesus Christ. Seeking some explanation, I opened the door of the place and went in. To my utter amazement I saw Jews and Gentiles worshipping together, all singing of Jesus Christ their Saviour! Out of sheer curiosity I sat down. After the singing, a little Jewish man got up and read from the Scriptures, reading in Hebrew and explaining what he read in Yiddish and English. One thing he said was that Jesus Christ is spoken of in the Old Testament.

### THE PROMISED MESSIAH OF ISRAEL

Well, that was just a little more than I could stand for. I felt like shouting, "It's a lie!" But he went on and on and I had to sit there quietly, listening to him telling the people that Jesus Christ was spoken of in the Old Testament and that He was the promised Messiah of Israel! This truly burned me up. I kept my eyes on the door, resolved to get out of the place as soon as the meeting was over.

The Jewish man finished, a benediction was pronounced, and I jumped to my feet and made for the door. Before I could reach it, the little man was there before me. He reached out his hand, saying, "Pardon me! What is your name?" I felt compelled to answer, "My name is Oscar Wago." He replied, "My name is John Solomon." I then said, "I'm pleased to meet you, Mr. Solomon — good bye!"

I didn't escape so easily, however. Mr. Solomon said he wanted to know me better and asked me to wait a few minutes so that he could talk to me. Still upset and angry, I said, "There is no use talking to me. When I came in here I didn't know what kind of place it was, but now that I know, the best thing for


## Why Did Messiah Have to Die?

**Did He die because He had violated the Mosaic code? Or did He die because of the viciousness of His enemies? If He did not die for either of these causes, why then did He have to die? There is only one satisfactory reason. Would you like to know what it is? If so, send us 5¢ in stamps and ask for our pamphlet, "Why Did Messiah Have to Die?"**

THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.



*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y. Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879*

me to do is to get out as quickly as possible. I was born a Jew and I'm going to die as a Jew, and no one in the world is going to convert me!"

Mr. Solomon smiled and said, "My friend, I don't want to convert you. I couldn't if I wanted to. I just want to talk to you." I answered angrily, "You may tell these people that Jesus Christ is in the Old Testament, but you can't tell it to me. I know my Bible."

### HE APPEALED TO ME AS A GENTLEMAN

I thought I had settled the matter, but I was mistaken. Mr. Solomon answered kindly, "I would just like to talk to you for a few minutes as one gentleman to another." His mention of the word "gentleman" did the trick. I relented and said, "Very well. I will give you just a few *minutes.*"

After all the people had gone, Mr. Solomon took his Bible and we sat down to examine the Word of God together—a bit stiffly, to be sure, because each of us was trying to find out how much the other knew of his Bible.

Time passed and I was tired. I wanted to go home and I told Mr. Solomon so. Before leaving Mr. Solomon asked me to do him a favor. He handed me a slip of paper upon which he wrote the references to a few Bible passages and asked me to look them up when I got home and read them, and not only to read them but also to meditate upon them. He said, "If you find that I am right, then like one gentleman to another, come back and tell me so; but if you find that I am wrong, also come back and tell me so, and we'll compare our differences."

I took the piece of paper and saw at once that I was familiar with most of the passages. But since Mr. Solomon appealed to me as a gentleman, I thought there might possibly be something I had forgotten in these passages, and decided to give him the benefit of the doubt. So home I went, took out my Hebrew Bible and looked up the passages he had written down. I found each and every one of them to be as I thought they would be. But while I meditated on them, something happened to me. It was not that I felt I was being converted. Conversion is not so quickly accomplished. But I was disturbed. That cock-sure feeling I always had that I couldn't be wrong, instilled in me by my teachers, the best Rabbis, and my father, the greatest of them all, was somehow shaken.

### READING THE NEW TESTAMENT WITH AN OPEN MIND

The following day I went back to Mr. Solomon and said to him, "I don't believe a single word you said, but I confess I am not so sure of myself either." Again we sat down and read certain portions of the Bible together. It was then that Mr. Solomon gave me a New Testament. It was the first time in my life I had ever seen one. I had heard that the New Testament was a wonderful book, but it doesn't prove anything to a Jew.

I decided to accept it and take it home and read it with an unbiased mind. The references given to me in the Old Testament enabled me to find the fulfillment of certain prophecies in the New Testament, and as I read and compared the two I had plenty of time to meditate on their relation and significance. While doing this, little by little God opened up new meanings to me. This did not take place suddenly or easily. For weeks and weeks I was so nervous I wanted to see nobody, and talk to nobody. Night after night I never closed my eyes. Exhausted and weary, I fell asleep one night and when I woke up in the morning I noticed my pillow was wet. I must have cried in my sleep, although I never cried even at the horrible things I saw during the war. This upset me to such an extent that I got out of bed and fell on my knees, wondering if I was losing my mind. I cried out, "Oh, God, I can't stand this any longer. Help me and show me the truth. What am I to believe, what my father taught me, or the things I am being taught by Mr. Solomon"?

As I prayed thus, I was given a sign by God's grace. Suddenly there flashed before my mind's eye the vision of my old high school back in Hungary and the inscription over the entrance to the building, "I am the way, the truth, and the life" standing out in glaring letters.

### AN ANSWER TO PRAYER

I honestly and devoutly believed this to be an answer to prayer, the evidence of the working of the Holy Spirit of God in my heart pointing out to my troubled spirit the answer to all my doubts and inner conflict, the Lord Jesus Christ, my own personal Saviour, Redeemer and the true Messiah of Israel. It was He who said, "I am the way, the truth, and the life," and at last I had the courage to accept it.

I could hardly wait to get to the meeting place of the Jewish Mission that night. When Mr. Solomon invited any of those present to testify as to their acceptance of Jesus Christ as Lord and Saviour, I fairly jumped to my feet and in the hearing of all present, said, "I know and I believe that Jesus Christ is my Saviour; that Jesus Christ is my Messiah and coming King, for Whom we Jews are praying three times a day and for three hundred and sixty-five days a year! I know it!"

From this time on the reality and assurance of my salvation has been ever precious and the same, and when occasionally I ask a Christian brother if he is saved and he answers, "I think so, I *hope* so!" I am able to tell him with full assurance, "I don't *think* so, I don't *hope* so, I **know** so!"

Perhaps you, my dear Jewish reader, may say, "Well, you've told me about how **one** Jew found Christ. Why is it there are millions of Jews who have not found Him and do not know Him?"

There are many reasons why so many of our Jewish people cannot accept Jesus Christ as their Lord and Messiah, but two stand out as important in my opinion as a Jew who now believes in Him as Israel's true Messiah. One reason is that many Gentiles who profess to be Christian believers, and profess to love all men as their brothers, have no love for the Jews, and neglect and even despise them as persons to whom the Gospel of salvation should be presented. The other reason is the complement or obverse of the first; namely, non-Jews or Gentiles who make no profession of being Christian believers and who covertly and overtly persecute the Jews to the point of ostracism, imprisonment and death, throughout the Christian era even until now.

True Christians love the Jews. Would you like to find peace and joy, not only in this present life but also in the life to come? Will you not then accept the gracious provision made for your eternal happiness and salvation by God through His Son, the Lord Jesus Christ, Israel's true Messiah? You can neither merit nor work out your own salvation. All you have to do is to accept Him as your Sacrifice and by faith turn to God Who will not cast you off. That you may make this decision today is my earnest and sincere prayer.


## 60 Cents Worth For 25 Cents

**Would you have the truth about the Messiah? Send us 25 cents in coin or stamps and we will mail you a 60-cent New Testament in Yiddish or English.**

**Address:**

**The Shepherd of Israel**
**236 W. 72d St., New York 23, N. Y.**



## AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.

*Established by Leopold Cohn in 1894*



**HEADQUARTERS**

**LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.**
**236 WEST 72nd STREET**
**NEW YORK 23, N. Y.**

**Come to Our Meetings**
**at 236 West 72nd St., New York**
***Sunday Service* — 4:00 P. M.**
***Wed. Bible Study* — 8:00 P. M.**

SPECIAL MEETINGS:

*Springfield, Mass.:* **Mt. Pisgah Bible Class, 161 Westford Circle; 7:45 P. M., third Monday of each month. (Tel.: Mrs. Powell, RE 2-9036.)**

*Buenos Aires, Argentine, S. A.:* **Palpa 2894, Congregation El Mesias.**

„מיין פריינט, איך וויל אייך נישט ענדערן (אָפּשמרן). איך קען עס אפילו נישט. איך וויל נאָר מיט אייך שמועסן.” איך האָב בייז געענטפערט, „איר קענט דערציילן די מענטשן דאָ ביי אייך אַז יעזוס ווערט דערמאָנט אינם תנ״ך אָבער איך קענט עס מיר נישט דערציילן. איך קען דעם תנ״ך.

## ער איז געווען אַ דזשענטלמאַן

איך האָב געמיינט אַז עס האָט זיך שוין אַלץ געענדיקט, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. מיסטער סאָלאָמאָן האָט מיר פריינטלעך צוגערעדט, „איך וויל נאָר מיט אייך רעדן אַ פּאָר מינוט ווי אַ מענטש צו אַ מענטש.” איך בין ווייכער געוואָרן און געזאָגט, „גוט, איך וועל אייך דערלויבן צו רעדן מיט מיר אַ פּאָר מינוט.”

ווען די מענטשן זענען אַהיים געגאַנגען האָט מיסטער סאָלאָמאָן אַרויסגענומען זיין ביבעל און מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט צו לערנען גאָטס וואָרט צוזאַמען.

די צייט איז גיך פאַרבייגעלאָפן און איך בין געוואָרן מיד. איך האָב געוואָלט אַהיים גיין, און האָב עס אים געזאָגט. איידער איך האָב מיר געזעגנט האָט מיסטער סאָלאָמאָן מיך געבעטן צו טון אים אַ טובה. ער האָט מיר געגעבן אַ שטיקל פּאַפּיר אויף וועלכן עס זענען געווען אויפגעשריבן עטלעכע פסוקים פונם תנ״ך און מיך געבעטן זיי צו לעזן ווען איך וועל אַהיים קומען, און נישט נאָר לעזן נאָר אויך טראַכטן. ער האָט געזאָגט, „אויב איר וועט אויסגעפינען אַז איך בין גערעכט, דאַן ווי איין דזשענטלמאַן צום צווייטן, קומט צוריק און דערציילט עס מיר; אויב אָבער איר וועט אויסגעפינען אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות, דאַן קומט צוריק און מיר וועלן פאַרגלייכן אונדזערע חילוקים.”

איך האָב גענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר און האָב באַלד געזען אַז די פסוקים זענען מיר באַקאַנט, אָבער ווייל מיסטער סאָלאָמאָן האָט מיך געבעטן ווי אַ דזשענטלמאַן האָב איך זיך געטראַכט, אפשר איז דאָרט דאָ עפּעס וואָס איך האָב פאַרגעסן. איך בין דאַריבער אַהיים געגאַנגען, אַרויסגענומען דעם תנ״ך און נאָכגעקוקט די פסוקים וואָס ער האָט אויפגעשריבן. כאָטש די פסוקים זענען מיר געווען באַקאַנט, דאָך ווייל איך האָב מיר פאַרטראַכט וועגן זיי, איז עפּעס אין מיר געשען. איך בין געוואָרן באַאומרוהיגט. דאָס זיכערע געפיל וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט אַז נאָר איך קען נישט מאַכן קיין טעות, איז פון מיר אַוועק.

## איך לערן דעם ברית חדשה אָן פאַראורטייל

אויפן צווייטן טאָג האָב איך ווידער באַזוכט מיסטער סאָלאָמאָן און האָב צו אים אַזוי געזאָגט, „איך גלויב נישט קיין איינציק וואָרט וואָס איר האָט געזאָגט, אָבער איך בין מיך מודה אַז איך בין אַליין אויך נישט זיכער.” מיר האָבן זיך ווידער אַנידערגעזעצט און צוזאַמען שטודירט געוויסע פרקים אינם תנ״ך. מיסטער סאָלאָמאָן האָט מיר געגעבן דעם ברית חדשה. איך האָב אַזאַ ביכל

אַ 50 סענט ספר׳ל פאַר 25 סענט.
שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפּס, וועלן מיר אייך שיקן אַ נייעם טעסטאַמענט אין אידיש, ענגליש — אדרעס
236 WEST 72nd STREET NEW YORK

געזען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. איך האָב געהאַט געהערט אַז דער ברית חדשה איז אַ וווּנדערבאַר בוך, אָבער ער האָט קיין נוצן פאַר אַ יידן.

איך האָב מיר ענטשידן צו נעמען דאָס בוך און לייענען אינדערהיים אָן פאָראורטיילן. די אָנווייזונגען אויף פסוקים אינם תנ״ך האָט מיר דערמעגלעכט איינצוזען זייער דערפילונג אינם ברית חדשה, און אַזוי לייענדיק האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו טראַכטן וועגן זייער געמיינזייטיקע באַדייטונג. אַזוי אַרום צו ביסלעך האָט דער אויבערשטער מיר געהאָלפן איינצוזען דעם אמת. עס איז נישט געשען אַלץ מיטאַמאָל און נישט לייכט. וואָכנלאַנג בין איך געווען אַזוי נערוועז אַז איך האָב נישט געוואָלט קיינעם זען פאַר מיינע אויגן. געווען נעכט ווען איך האָב נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. איין אָוונט ווען איך בין געווען אַזוי מיד און פאַרמאַטערט, בין איך דאָך איינגעשלאָפן, און אינדערפרי האָב איך דערזען אַז מיין קישן איז אינגאַנצן נאַס. איך האָב מיסתמא געוויינט אין מיין שלאָף, כאָטש איך פלעג קיינמאָל נישט וויינען אפילו אין די שרעקלעכע מילחמה טעג. איך האָב זיך אַזוי איבערגעשראָקן אַז איך בין אויפגעשטאַנען און געפאַלן אויף מיינע קניען, נישט וויסנדיק צי איך האָב, חלילה וחס, פאַרלוירן מיין זינען. איך האָב אויסגעשריען, „אָ, גאָט, איך קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. העלף מיר און באַווייז מיר דעם אמת. וואָס זאָל איך גלויבן, דאָס וואָס מיינע עלטערן האָבן מיך געלערנט אָדער דאָס וואָס מיסטער סאָלאָמאָן לערנט מיט מיר?”

ווען איך האָב אַזוי תפילה געטון האָב איך דערהאַלטן אַ רמז דורך גאָטס חסד. אין געדאַנק אַריין איז געקומען די אַלטע הויכשולע אין אונגאַרן מיט דער אויפשריפט, „איך בין דער וועג, דער אמת און דאָס לעבן.”

## אַן ענטפער צו מיין תפילה

איך האָב ערנסט און פרום געגלויבט אַז דאָס איז דער ענטפער צו מיין תפילה, דער באַווייז אַז גאָט ווירקט דורך זיין רוח הקודש אין מיין האַרץ און ווייזט מיר דעם ענטפער צו מיין פאַרצווייפלונג און מיין אינערע קאַמפן אַז ישוע איז דער האַר און משיח, מיין פערזענלעכער דערלייזער און גואל דער משיח ישראל. ער איז עס דאָך וואָס האָט געזאָגט די ווערטער, „איך בין דער וועג, דער אמת און דאָס לעבן,” און ווייניקסטנס האָב איך געהאַט דעם מוט עס אָנצונעמען.

איך האָב נישט געקענט וואַרטן ביז דער מיטינג וועט זיך אָנפאַנגען יענעם אָוונט. ווען מיסטער סאָלאָמאָן האָט איינגעלאַדן די אָנוועזנדע צו געבן אַן עדות וועגן זייער גלויבן אין ישוע המשיח, בין איך באַלד אויפגעשטאַנען און פאַר אַלע מענטשן אַזוי געזאָגט, „איך ווייס און גלויב אַז ישוע המשיח איז מיין גואל, אַז ער איז דער משיח און דער קומענדער קעניג אויף וועמענס קומען מיר זענען מיתפּלל דריי מאָל אַ טאָג און דריי הונדערט און פינף און זעכציק מאָל אַ יאָר! איך ווייס עס!”

פון יענער צייט איז די רעאַליטעט און פאַרזיכערונג פון מיין דערלייזונג געוואָרן וואָס מער טייערער, און ווען איך פרעג אַמאָל אַנאַדערן מאמין צי ער איז דערלייזט און ער ענטפערט, „איך קלער אַזוי, איך האָף אַזוי!” קען איך אים ענטפערן מיט פולער זיכערקייט, „איך קלער נישט אַזוי, איך האָף נישט אַזוי, איך ווייס אַזוי!”

אפשר וועסטו מיר ענטפערן, „גוט, דו האָסט אונדז דערציילט וויאַזוי איין ייד איז געקומען צו גלויבן אינם משיח. אָבער פאַרוואָס זענען דאָ מיליאָנען יידן וואָס גלויבן נישט אין אים?”

פאַראַן פיל אורזאַכן פאַרוואָס די גרעסטע צאָל יידן גלויבן נאָך נישט אין אים אַז ער, ישוע, איז דער האַר און משיח, אָבער צוויי אורזאַכן זענען וויכטיק. איין אורזאַך, לויט מיין מיינונג, איז, ווייל פיל גויים וואָס זאָגן אַז זיי זענען קריסטלעכע מאמינים, און מיינען אַז זיי האָבן ליב אַלע מענטשן ווי ברידער, האָבן אָבער קיין ליבע פאַר יידן, און טיילמאָל אפילו פאַראַכטן זיי אונדז צו וועמען זיי וואָלטן געדאַרפן מבשר זיין די בשורה טובה. די צווייטע אורזאַך איז פאַרבינדן מיט דער ערשטער, נעמלעך דאָס וואָס גויים וואָס האַלטן זיך נישט פאַר קריסטן, האָבן אָפּן און שטילערהייט, פאַרפאָלגט יידן, זיי פאַרשלאָסן אין תפיסות און זיי אומגעבראַכט. דאָס איז געשען אין אַלע צייטן און ביזן היינטיקן טאָג נאָך.

אמתע קריסטן האָבן ליב יידן. ווילט איר אויך געפינען פרידן און פרייד נישט נאָר אין עולם הזה אָבער אויך לעולם הבא? דאַן, ביטע, נעמט אָן די גנעדיקע צוגרייטונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר אייער אייביקער גליקלעכקייט דורך גאָט, און דעם בן אלהים, דער האַר ישוע המשיח. איר קענט זיך נישט פאַרדינען אייער דערלייזונג. איר דאַרפט אים אָבער אָננעמען פאַר אַ קרבן און ווענדן זיך מיט אייער גלויבן צו גאָט, וועלכער וואַרפט אונדז נישט אָפּ. מיין תפילה איז אַז איר זאָלט עס טון נאָך היינט.

### זכריה י״ב: א.ב.ג.

**(א) משה דבר־יהוה על־ישראל: די נבואה פון דעם וואָרט פון גאָט איבער ישראל. נאם־יהוה נטה שמים ויסד ארץ: אַזוי זאָגט גאָט, וואָס ברייט אויס די הימלען און גרונדפעסטיגט די ערד. ויצר רוח־אדם בקרבו: און וואָס באַשאַפט דעם גייסט פון דעם מענשען אין איהם. (ב) הנה אנכי שם את־ירושלים סף־רעל לכל העמים סביב: זעה, איך וועל מאַכען ירושלים אַ כוס פון פאַרטוימלונג צו אַלע פעלקער רינגס־אַרום. וגם על־יהודה יהיה במצור על־ירושלים: און אויך געגען יהודה וועט זיין אַ באַלאַגערונג איבער ירושלים. (ג) והיה ביום־ההוא אשים את־ירושלים אבן מעמסה לכל העמים: און עס וועט זיין אין יענעם טאָג וועל איך מאַכען ירושלים אַלס אַ שווערען שטיין צו אַלע פעלקער. כל עמסיה שרוט ישרטו: איטליכער וואָס וועט איהר טראָגען וועט געוויס צוקראַצט ווערען. ויאספו עליה כל גויי הארץ: און איבער איהר וועלען זיך פאַרזאַמלען אַלע פעלקער פון דער ערד.**

The Shepherd of Israel

אָנֹכִי הוּא הָרֹעֶה הַטּוֹב יוחנן 10־11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם רֹעֶה אֶחָד יחזקאל ל"ד, 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price
50c. a Year.

VOL. 45 - No. 2
OCTOBER, 1960


# ווי א מענטש צו א מענטשן

אסקאר וואגא

געבוירן בין איך אין אונגארן, ביי א פרומער יידישער פאמיליע. מיין טאטע, עליו השלום, איז געווען א רב און א גרויסער בעל תלמוד.

מיין רעליגיעזע אויסבילדונג האט זיך אנגעהויבן ווען איך בין אלט געווען דריי יאר. ווען איך בין אלט געווארן זיבן יאר האט מען מיך גענומען אויף א פארהער פאר א חברה רבנים כדי צו באווייזן אז איך קען שוין אלע מיצוות וואס א פרומער ייד דארף אפהיטן. עס איז נישט געווען לייכט ווייל מיר דארפן דאך אפהיטן תרי"ג מיצוות.

ביי דרייצן יאר בין איך געווארן בר־מיצווה און מען האט מיך פארגעשטעלט פאר דער שול יידן. מיר, יידן, גלייבן דאך אז א קינד פאר דרייצן יאר איז נישט פאראנטווארטלעך פאר זיינע אייגענע עבירות, אבער ווען ער ווערט בר־מיצווה נעמט ער די פאראנטווארטלעכקייט אויף זיך אליין.

ווי געווינלעך האט מיך מיין טאטע געשיקט דאן אין גימנאזיום אריין. עס איז געווען א רוימיש־קאטוילישע שולע און אלע לערער און פראפעסארן זענען געווען גלחים. איך האב געקריגן מיין מאטורע און א סטיפענדיע, און האב דאריבער געקענט ווייטער שטודירן אין די אוניווערזיטעטן פון ווין, בערלין, פאריז און ציריך. איך האב געקריגן מיין דיפלאם צו זיין אן אינזשינער צו פלאנעווען אויטאס און עראפלאנען. אין די אוניווערסיטעטן האב איך זיך באקענט מיט טוזנטער קריסטן און געווארן מיט זיי באפריינדעט, אבער קיינער האט מיט מיר געשמועסט וועגן ווערן א מאמין אינם משיח ישוע.

## קעניג ווילהעלם און די נאצים

די וועלט מלחמה איז אויסגעבראכן אין 1914. איך בין געווארן א אפיציר אין דער דייטשער ארמיי און בין געשיקט געווארן אויפן פראנט צו קעמפן. צוועלף מאל בין איך פארוואונדעט געווארן, און צוויי מאל פארגאזעוועט. איך האב געקריגן זעכצן מעדאלן און איין מעדאל האט דער קעניג ווילהעלם זעלבסט מיר ארויפגעהאנגען אויף מיין ברוסט. נאך דער מילחמה האט דער נאציזם זיך אנגעהויבן פארשפרייטן, און מען האט מיר געהייסן פארלאזן דאס לאנד, ווייל איך בין א ייד.

עס איז געווען א טרויעריקער טאג פאר מיר ווען איך האב געמוזט פארלאזן דאס לאנד ווו איך האב פארבראכט די גרעסטע צייט פון מיין לעבן, ווו איך האב געהאט ארבייט און א גוטן פאסטן. אבער היינט דאנק איך גאט דערפאר, ווייל איך זע איין אז עס איז געווען זיין ווילן אז איך זאל אהערקומען קיין אמעריקע.

א געוויסן פרייטיק־צו־נאכט אין די יארן פון דעפרעסיע, בין איך געגאנגען אויף א שפאציר אינם בארג־געגנט אין פיטסבורג וואס איז א יידישע גאס. איך האב געהערט ווי מען זינגט ערגעץ, און האב זיך אפגעשטעלט זיך צוצוהערן. עס האט אויסגעזען אזוי משונהדיק צו זינגען אין א צייט פון דעפרעסיע, און נאך אין א געגנט ווו עס האבן זיך מיסתמא געפונען מענטשן וואס האבן נישט געהאט גענוג צו עסן און קיין מלבושים פאר די קינדער און פאר זיך אליין. איך האב געווענדעט מיינע שריט צום ארט פון וואנען דאס געזאנג איז געקומען, און ווען איך בין דארט צוגעקומען האט זיך דאס געזאנג אויפגעהערט. די געביידע איז אייגנטלעך געווען א געוועלב מיט א גרויס שויפענסטער ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט פארשידענע ביכלעך אין יידיש און ענגליש און אויך עטלעכע ביבעלס. איך האב געמיינט אז עס איז מיסתמא א יידיש שולעכל. איך האב נישט געוואלט אריינגיין און בין אוועק געגאנגען, און דאן האט מען ווידער אנגעהויבן זינגען אינעווייניק און דאס־מאל האב איך דערהערט דאס ווארט ישוע המשיח. עס איז געווען ווי א בליץ וואלט מיך געטראפן. א שול ווו מען דערמאנט יעזוסן! אוממעגלעך!

איך האב געוואלט אן אויפקלערונג און איך בין אריינגעגאנגען. איך בין דערשטוינט געווארן ווען איך האב דערזען יידן און גוים דאווענען צוזאמען, און זינגען פון ישוע המשיח אז ער איז זייער גואל. צוליב נייגער האב איך זיך אנידערגעזעצט. נאכן זינגען איז א נידריקער ייד אויפגעשטאנען און געלייענט פון די כיתבי הקודש און פארטייטשט אויף יידיש און ענגליש. ער האט געזאגט אז ישוע המשיח איז פארויסגעזאגט געווארן אינם תנ"ך.

דא האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטן. איך האב געוואלט שרייען, „עס איז א ליגן!" אבער ער האט ווייטער געדארשענט, און איך האב ווייטער געהערט ווי ער האט איבערגעחזרט די ווערטער אז ישוע המשיח איז פארויסגעזאגט געווארן אינם תנ"ך אז ער איז דער משיח ישראל. דאס האט מיך אויפגעצערט. איך האב נאר געקוקט צו דער טיר ארויסצולויפן תיכף ווי דער מיטינג וועט זיך פארענדיקן.

דער מאן האט געענדיקט זיין דרשה, מען האט געזאגט א ברכה און איך בין גלייך אויפגעשטאנען און געוואלט לויפן צו דער טיר. אבער נאך איידער איך בין צוגעקומען דארטן, האט מיך דער נידעריקער מאן פארשטעלט דעם וועג. ער האט מיר דערלאנגט זיין האנט און מיך געפרעגט, „ענטשולדיקט מיר, ווי אזוי הייסט איר?" איך האב אים געענטפערט, „איך הייס אסקאר וואגא." ער האט געזאגט, „און איך הייס יוחנן סאלאמאן." איך האב געזאגט, „עס טוט מיר הנאה מיט אייך זיך צו באקענען, מיסטער סאלאמאן — א גוטע נאכט!"

דאס איז אבער נישט געווען דער סוף. מיסטער סאלאמאן האט געזאגט אז ער וויל זיך בעסער מיט מיר באקענען און מיך געבעטן צוצווארטן א פאר מינוטן אז ער זאל זיך קענען בעסער אדורכשמעסן מיט מיר. איך בין נאך אלץ געווען ברוגז און בייז און האב געזאגט, „נישטא וואס צו רעדן, ווען איך בין דא אריינגעקומען האב איך נישט געוווסט אין וואס פאר א ארט איך געפין זיך, אבער איצט אז איך ווייס שוין, איז עס אמבעסטן פאר מיר אוועקצולויפן אזוי שנעל ווי נאר מעגלעך. איך בין געבוירן א ייד און וועל א ייד שטארבן און קיינער קען מיך נישט ענדערן!"

מיסטער סאלאמאן האט געשמייכלט און געזאגט,


*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.*
*Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879*